אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

### די דאפעלטע לשון 'היטב איטיב' • צוויי סארט שמירות, שמירת המלאכים און שמירת הקב"ה • דער אויבערשטער היט אפ בדרך נס • מלאכים היטן אפ פון זינדיגן

***וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ וְשַׂמְתִּי אֶת זַרְעֲךָ כְּחוֹל הַיָּם אֲשֶׁר לֹא יִסָּפֵר מֵרֹב* (לב, יג):** *מען קען ערקלערן די דאפעלטע לשון אין פסוק* ***'היטב' 'איטיב'***. לויט ווי עס שטייט אויבן אין פסוק (לב, ב), ***וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים וגו'***. יעקב אבינו האט זיך ארויסגעלאזט אויף זיין וועג, און האט באגעגנט מלאכים וועלכע זענען אים געקומען באגלייטן און אפהיטן אויף זיין וועג.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פארוואס עפעס האט יעקב אבינו געדארפט מלאכים וואס זאלן אים אפהיטן? דער אויבערשטער האט אים קלאר צוגעזאגט (שם כח, טו), ***וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ***. דער אויבערשטער גייט אים אפהיטן וואו אימער ער וועט נאר גיין?

◆ ◆ ◆

**אין** אלגעמיין איז פארהאן צוויי סארט שמירה וואס קען אפהיטן א מענטש:

**שמירת המלאכים**. דאס זענען מלאכים וואס ווערן באשאפן דורך מצות און מעשים טובים וואס דער מענטש האט געטון, און די מלאכים האבן א פליכט אפצוהיטן דעם מענטש וועלכע האט זיי באשאפן. און פון די סארט שמירה פארלירט נישט א מענטש זיינע זכותים, וויבאלד זיי זענען זיינע מלאכים וואס ער האט באשאפן מיט זיינע מצות און מעשים טובים. אבער די מלאכים וועל אים נאר אפהיטן און באשיצן 'בדרך הטבע' אבער נישט 'בדרך נס', (עיין גמרא ב"ק דף ב: 'אדם דאית ליה מזלא, כתיב כי יגח'. ועיין ברש"י שבת דף נג: ד"ה אדם, 'מלאך שלו ומליץ עליו').

**שמירת הקב"ה**. דאס איז א גרעסערע מדריגה פון שמירת המלאכים, און די שמירה וועט אויך ראטעווען א מענטש 'בדרך נס'. אבער אויף אזא פאל ווערט אראפגערעכענט פון דער זכותים פון דער מענטש, (עיין גמרא שבת לב. 'ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו').

**אבער**, ווען דער אויבערשטער זאגט צו פאַרן צדיק אז ער וועט אים אפהיטן און באשיצן, (אזוי ווי דער אויבערשטער האט צוגעזאגט פאר יעקב אבינו), דאן קען ער ארייגגיין אפילו אין א מקום סכנה, און מען וועט נישט אראפרעכענען פון זיינע זכותים.

**די** סיבה פארוואס מען וועט נישט אראפרעכענען פון זיינע זכותים אפילו אויב עס איז 'שמירה בדרך נס', וויבאלד ער האט דאָך א צוזאג פונעם באשעפער אז ער גייט אים אפהיטן. און אויב דורך דעם וואס דער אויבערשטער היט אים אפ און טוט אים ראטעווען בדרך נס וועט מען אראפרעכענען פון זיינע זכותים, הייסט דאס נישט א גוטע צוזאג. דעריבער מוז מען זאגן, אז פון א צוזאג פון באשעפער רעכענט מען נישט אראפ פון זיינע זכותים.

**טראץ** וואס מען האט 'שמירת הקב"ה' וואס דאס איז פיל שטערקער און בעסער ווי 'שמירת המלאכים' (וויבאלד דאס באשיצט אויך בדרך נס), פאָרט איז אויך גוט צו פארמאגן 'שמירת המלאכים', וויבאלד זיי קענען באשיצן א מענטש פון טון עבירות.

**אזוי** ווי עס שטייט אין חז"ל (סוטה דף כא.), ***'עבירה מכבה מצוה'***. א מענטש וואס טוט עבירות טוט דאס פארלעשן זיינע מצות, (שכר מצוה, רש"י). דעריבער די 'מלאכים' (וואס זענען באשאפן געווארן דורך מצות פון דעם מענטש), וועלכע באגלייטן און באשיצן דעם מענטש פון שלעכטס, זיי טון גלייכצייטיג אפהיטן דער מענטש זאל נישט געשטרויכלט ווערן מיט עבירות, כדי זיי (די מלאכים), זאלן נישט פארטריבן ווערן פון דער מענטש, דורכדעם וואס די עבירות וועלן פארטרייבן די מצות צוזאמען מיט די מלאכים.

**פונדעסטוועגן**, אפילו א מענטש האט א שמירה פון עבירות, איז נאכאלץ דא די 'בחירה' וואס ליגט ביי דער מענטש אין האנט, און ער האט די מעגליכקייט צו עובר זיין עבירות, (דער אויבערשטער וועט קיינמאל נישט אוועקנעמען די בחירה פון א מענטש, נאר וועט צולייגן 'כח' צו בוחר זיין בטובה).

**און** אויב ער וועט חלילה זינדיגן, וועט זיך אפטון פון אים די שמירה פון מלאכים. אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל 'עבירה מכבה מצוה', און ער וועט פארלירן די מלאכים וועלכע זענען באשאפן געווארן פון די מצות.

**קומט** אויס פון דעם, ***'שמירת המלאכים'***, דאס איז מלאכים וואס ווערן באשאפן פון מצות, און היט אפ דער מענטש בלויז 'בדרך הטבע', און די מלאכים טון אויך אפהיטן דער מענטש פון עבירות, אבער אויב דער מענטש זינדיגט פארלירט ער זאפארט די שמירה.

***'שמירת*** הקב"ה', דאס קומט פון די זכותים פון א מענטש, אדער אויב ער באקומט א צוזאג פונעם אויבערשטן, דאס היט אפ א מענטש אויך 'בדרך נס'.

◆ ◆ ◆

**יעקב** אבינו האט מורא געהאט און געזאגט (לב, יא): ***קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים*** וגו'. און חז"ל זענען מסביר (ברכות ד.), ***שמה נתקלקלתי בחטא***. יעקב אבינו האט מורא ער וועט נישט געראטעוועט ווערן, ווייל עס קען זיין ער האט געטון עבירות, און דאס וועט אפהאלטן ער זאל נישט קענען געראטעוועט ווערן מיט בדרך נס פון די הענט פון עשו און בלעם.

**איבערהויפט** וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן דער צוזאג ***וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ***, וואס דאס איז גאר א גרויסע און ברייטע צוזאג, אז ער וועט זיין אפגעהיטן וואו אימער ער וועט נאר גיין. און כדי צו געניסן דערפון דער מען זיין ראוי דערצו.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה ולהצלחה | לברכה ולהצלחה | ניתן לתרום לכבוד נשמת רבינו | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
| --- | --- | --- | --- | --- |
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | דניאל אודי<br>בן רג'ינה מלכה<br>שיזכה לברכה והצלחה<br>ולהשלמת העסקאות בקרוב ממש | ארץ ישראל 02-80-80-500<br>05271-66450<br>ארה"ב 347-496-5657 | מרת רבקה<br>בת מרדכי ע"ה<br>נלב"ע כ' כסלו ת.נ.צ.ב.ה. | רבי חיים<br>בן סוליקה ז"ל<br>נלב"ע ט"ז כסלו תשפ"ב ת.נ.צ.ב.ה. |

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

**דעריבער** האט יעקב אבינו מורא געהאט, אז צוליב זיינע חטאים האט ער פארלוירן 'שמירת המלאכים' וועלכע זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצות, און איינמאל ער האט דאס פארלוירן האט ער מורא געהאט אז ער האט אויך פארלוירן 'שמירת הקב"ה', און איז שוין מער נישט ראוי אז דער אויבערשטער זאל מאכן מיט אים ניסים. (עיין בדברי רבינו, ויצא אות ז' ד"ה וזהו הטעם).

◆ ◆ ◆

**מיט** דעם פארשטייט מען פארוואס יעקב אבינו האט געדארפט סיי 'שמירת הקב"ה' און סיי 'שמירת המלאכים', וואס דאס קומט אויף א צוויי באזונדערע שמירות, **שמירת הנפש** - דאס ווערט באשיצט דורך די מלאכים וואס היטן אפ פון זינדיגן. **שמירת הגוף** - וואס דער אויבערשטער היט אפ און טוט ניסים אפילו העכער דרך הטבע (וואס דאס וועט אים ראטעווען פון עשו הרשע).

**דעריבער** זאגט דער פסוק, **'היטיב איטיב'** דער אויבערשטער טוט שענקען פאר יעקב אבינו ביידע סארט שמירה, שמירת המלאכים מיט שמירת הקב"ה, וואס דאס וועט אים באשיצן און אפהיטן מיט שמירת הנפש און שמירת הגוף. (פרשת ויצא אות כ"ב)

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הרב נ. י. פ. פון אמעריקע,**
**זיין פערזענליכע איבערלעבעניש און ישועה וואס ער איז אויפגעראכטן געווארן**
**אינעם טאג פונעם יארצייט פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע.**

## א שידוך אינעם טאג פונעם יארצייט

**פון** הימל איז מיר געווען באשערט אז איך זאל זיין א גרוש פאר עטליכע יאר, דאס איז א באזונדערע שווערע מסכת פון יסורי הגוף והנפש, וואס נאר עמיצער וואס איז דאס אריבער אויף די אייגענע הויט, וועט קענען פארשטיין די שווערע צער און ווייטאגן דערפון. שידוכים זענען ב"ה כסדר ארויפגעקומען אויפן טיש, אבער עס איז קיינמאל נישט געווארן צו ערנסט. אזוי האט מיין מצב אנגעהאלטן פאר עטליכע יאר.

**צוגאב** צו דעם האב איך דעמאלטס אויך נישט געהאט א מסודר'דיגע ארבעט, טראץ וואס איך פלעג יא האבן עפעס א ארבעט וואס איך האב געטון פון צייט צו צייט, אבער וויבאלד עס איז נישט געווען מסודר'דיג אויף א קביעות'דיגע פארנעם האט דאס בלויז פארשווערט מיין מצב.

**עטליכע** פון מיינע חברים האבן מיר כסדר צוגעשטופט איך זאל אנפאנגן צו לערנען דער ספר 'זרע שמשון' וואס איז באקאנט אלס א גרויסע סגולה פאר ישועות, אבער - כ'ווייס נישט פארוואס - איך האב דאס אנגעקוקט פאר נאך א סגולה צווישן הונדערטע סגולות, און איך האב דאס קיינמאל נישט גענומען ערנסט אין הענט אריין, און די סגולה פון לערנען זרע שמשון איז בלויז געווען עפעס וואס איך האב בלויז געהערט אבער קיינמאל נישט געטון.

**מיט** אפאר חדשים צוריק איז צוגעקומען צו מיר א געטרייער חבר און געזאגט, אז ער וועט מיר נישט לאזן צורו ביז איך וועל אנפאנגן צו לערנען זרע שמשון טאג טעגליך. יענער חבר האט פערזענליך זוכה געווען צו א גרויסע ישועה בזכות דער הייליגער זרע שמשון זי"ע, און האט מיר נישט אפגעלאזט ביז ווילאנג ער האט באקומען מיין פולע צוזאג אז איך וועל דאס אנפאנגן צו לערנען יעדן טאג.

**איך** האב דאס אנגעהויבן צו לערנען יעדן טאג, און דער חבר פלעגט כסדר רופן און זיכער מאכן אז איך לערן דער ספר, כדי עס זאל זיין 'תמידין כסדרן' עס זאל נישט אריבערגיין א טאג אן לערנען זרע שמשון.

**נאכן** לערנען א קורצע צייט, האבן זיך געעפנט די טויערן פון השפעות, איך בין ב"ה געהאלפן געווארן מיט א גוטע פרנסה, איך האב באקומען א קביעות'דיגע ארבעט מיט א שיינע געהאלט.

**אזוי** אויך 'די גרויסע ישועה' האט נישט געשפעטיגט צו קומען, א חודש שפעטער האט מען מיר אנגעטראגן זייער א גוטע שידוך, און עס האט אנגעהויבן צו ווערן ערנסט און זיך רוקן פאראויס, ווען עס איז געקומען ענדע חודש אב האט מען שוין געהאלטן ממש ביים שליסן דער שידוך.

**אבער** פלוצלונג איז ארויפגעקומען א אומפארשטענדליכע סיבה און דער שידוך האט זיך אפגעשטעלט פאר בערך צוויי וואכן, ו' אלול ביינאכט איז די שידוך געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

**אינמיטן** די לחיים האב איך זיך געכאפט אז דער היינטיגע דאטום - ו' אלול - איז דער יארצייט פונעם הייליגן זרע שמשון זי"ע, עס איז מיר אריבער א טרייסל אין אלע ביינער, איך האב געשפירט ווי דער הייליגער זרע שמשון האט מיר באגלייט אויף טריט און שריט, און כדי איך זאל וויסן אז די ישועה איז געקומען בזכות זיין ברכה, האט זיך דער שידוך אפגעשטעלט מיט צוויי וואכן פאר א נישטיגע סיבה, כדי עס זאל קענען ווערן אין די טאג פונעם יארצייט.

**פון** גרויס איבערראשונג האב איך גענומען די קוראזש און געבעטן די משתתפים ביים לחיים אז איך וויל זאגן אפאר ווערטער, און איך האב פארציילט אז היינט נאכט איז דער יארצייט פון דער שדכן פונעם שידוך... דער הייליגער זרע שמשון זי"ע... וואס בזכותו און בזכות פון זיין הייליגע תורה האב איך זוכה געווען היינט נאכט צו די גרויסע שמחה, און דערצו האב איך פארציילט די גאנצע השתלשלות הדברים, ווי אזוי עס האט זיך אנגעהויבן דאס לערנען, און די אינטערעסאנטע אפשטעל פונעם שידוך מיט צוויי וואכן צוריק, וואס איז זיכער געווען אזוי פון הימל, כדי דער שידוך זאל געשלאסן ווערן אינעם נאכט פונעם יארצייט, כדי דער בעל ההילולא זאל זיך מיטפרייען מיטן שידוך, ויה"ר אז דער גרויסער זכות פונעם מחבר זאל מגין זיין פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל, יעדער זאל זוכה זיין צו זען השפעות און ישועות ברוחניות ובגשמיות, זי"ע.

**אנו פונים לכל מי שזכה לישועה אנא הכירו טובה למחבר הקדוש זלה"ה ופרסמו את ישועתכם**
**ויהי חלקכם עם מזכי הרבים ועם ריבוי הלומדים בספר המסוגל זרע שמשון.**

ניתן לשלוח את סיפור הישועה: למייל: zera277@gmail.com או להתקשר 05832-80300
או בהשארת הודעה בטל: 02-80-80-600 שלוחה 7


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

זרע שמשון ע"ר 580624120